


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת ויחי תשפ"ה

גליון 398

## אמרות שמשון

### יעקב אבינו בענטשט יוסף הצדיק מדה כנגד מדה

**וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ** (מח, טז). עס שטייט אין חז"ל (סוטה לו:) יעקב אבינו האט געבענטשט מנשה און אפרים מיט די ברכה **'וידגו לרוב בקרב הארץ'** זיי זאלן זיך פארמערן אזוי ווי די פיש, וואס זענען באדעקט און באהאלטן אונטער די וואסער, און עס איז נישט שולט אויף זיין קיין עין הרע, די זעלבע איז מיט די קינדער פון יוסף אז עס וועט נישט שולט זיין אויף זיי א שלעכט אויג.

**מען** קען ערקלערן פארוואס דוקא די קינדער פון יוסף הצדיק האבן זוכה געווען צו די ברכה, וויבאלד די גאנצע וועלט האט חושד געווען יוסף הצדיק מיט די עבירה פון 'זנות' (אשת פוטיפר), און זיין צדקות און ערליכקייט איז געווען פארדעקט פאר די גאנצע וועלט, אויסער יעקב אבינו וואס ער האט געוואוסט די אמת אז יוסף האט בכלל נישט געזינדיגט.

**דעריבער** האט יעקב אבינו מתפלל געווען און געבענטשט זיינע קינדער - **מדה כנגד מדה** - אז אלע גוט'ס און השפעות טובות וואס זיי וועלן באקומען, זאל זיין פארדעקט און פארהוילן פון דער מענטש'ליכער אויג, אז עס זאל נישט געוועלטיגן א עין הרע. (אות י' ד"ה אלא)

### די קץ הגאולה איז פארהוילן כדי מען זאל תשובה טון

**הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים** (מט, א). עס שטייט אין חז"ל (פסחים נו. הובא ברש"י ד"ה ואגידה), יעקב אבינו האט געוואלט מגלה זיין דער זמן קץ הגאולה, אבער עס איז פארהוילן געווארן פון אים.

**די** מפרשים ברענגן א טעם פארוואס דער אויבערשטער האט נישט געוואלט אז יעקב אבינו זאל אנטפלעקן די צייט ווען כלל ישראל וועט ווערן אויסגעלייזט, וויבאלד אויב וועלן אידן וויסן ווען זיי ווערן אויסגעלייזט, ווען עס וועט קומען די לעצטע יארן איידער די גאולה, וועט כלל ישראל נישט נתעורר ווערן צו טון תשובה וויבאלד זיי ווייסן אז זיי וועלן שוין סיי ווי באלד אויסגעלייזט ווערן, דעריבער האט דער אויבערשטער געוואלט עס זאל זיין פארהוילן, כדי כלל ישראל זאל שטענדיג תשובה טון און זיך צוריק קערן צום באשעפער. (אות י"ב ד"ה ויש עוד טעם)

### יהודה איז גורם מען זאל אראפגיין קיין מצרים בדרך כבוד

**יְהוּדָה אַתָּה יוֹדוּךָ אַחֶיךָ** (מט, ח). רש"י ערקלערט אויפן ארט (ד"ה יהודה) ווען יהודה האט געזען אז די טאטע געבט מוסר פאר די עלטערע ברודער, האט ער אנגעהויבן מורא האבן אז יעקב וועט אים אויך געבן מוסר, און האט זיך אנגעהויבן צו דערווייטערן, האט אים יעקב אבינו צוריקגערופן מיט פארגיטיגונג'ס רייד, און געזאגט דו ביזט אנדערש פון זיי.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין פון וואס האט יהודה מורא געהאט, ער האט דאך נישט געזינדיגט אזוי ווי די אנדערע ברודער, פארוואס זאל ער מיינען אז די טאטע וויל אים געבן מוסר?

**דער** תירוץ איז, יהודה האט מורא געהאט אז די טאטע וועט אים געבן מוסר אויף דעם וואס ער האט נישט געזאגט פאר די ברודער בשעת מ'האט פארקויפט יוסף, אז מען זאל צוריקברענגען יוסף צום טאטן יעקב, וואס דער זכות וואלט בייגעשטאנען אז מען וואלט נישט געדארפט אראפגיין קיין מצרים און ליידן פונעם גלות.

**דעריבער** זאגט יעקב פאר יהודה אז ער דארף נישט מורא האבן צוליב דעם, ווייל די גלות וואלט סיי ווי געדארפט פאסירן, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (שבת פט:) יעקב אבינו וואלט געדארפט אראפגיין קיין מצרים געבינדן מיט אייזערנע קייטן, און דורך מכירת יוסף איז ער אראפגעגאנגען בדרך כבוד, דעריבער זאגט יעקב - **אַתָּה יוֹדוּךָ אַחֶיךָ** - עס קומט זיך דיר א דאנק יהודה, וואס דו האסט גורם געווען מען איז אראפ קיין מצרים בדרך כבוד. (אות י"ג ד"ה ומעתה)

### יוסף האט אינזין די סודות און כוונות בשעת די קבורה

**וַיַּעַל יוֹסֵף לִקְבֹּר אֶת אָבִיו** (נ, ז). עס שטייט אין חז"ל (סוטה ט:) 'יוסף זכה לקבור את אביו', יוסף האט זוכה געווען אליינ'ס צו באגראבן זיין טאטע.

לכאורה דארף מען פארשטיין, עס ווערט געברענגט אין חז"ל (הובא ברש"י נ, יג ד"ה וישאו), יעקב אבינו האט באפוילן ווערן עס זאל טראגן די ארון, און האט אנגעזאגט אז יוסף זאל נישט טראגן ווייל ער איז א 'מלך', אויב אזוי פארוואס ביי די קבורה האט דאס יוסף אליינ'ס געטון?

**מען** קען ערקלערן, אז דער עיקר חסד וואס מען טוט מיט א מת איז די 'קבורה', און עס איז באהאלטן דערין גרויסע סודות

לומדים
זרע שמשון
חדש!
ספר זרע שמשון
בחמש כרכים



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

לזכר נשמת
הרה"ק הנודע בקדושתו
ופרישותו פועל ישועות
האדמו"ר רבי משה
בן הרה"ק
רבי דוד מלעלוב
זצוקללה"ה
נלב"ע י"ג טבת תרי"א
הבטיח להמליץ טוב עבור מי
שיעשה עסק מיום ההילולא שלו
ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש על ידי
אחד מנכדיו להצלחה וישועה

לזכר נשמת
המקובל הקדוש פועל
ישועות הגאון הצדיק
רבי יצחק הכהן ב"ר
אשר אנטשיל הוברמן
זצוקללה"ה
מחבר ספר בן לאושרי ברכה משולשת
הנקרא בפי כל "הצדיק מרעננה"
שלא הניח זש"ק
והבטיח להמליץ טוב
בעבור הלומדים בספריו
נלב"ע י"ג טבת תשל"ז ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת
האשה החשובה מרת
רויזא רחל בת
רבי יוסף משה ע"ה
פאשקעס
נלב"ע י"ד טבת תשכ"ח לפ"ק
ת.נ.צ.ב.ה.
נדבת חתנה ובתה הרה"ח
רבי משה בן חנה הי"ו אורבך
וזוגתו החשובה מרת שרה
ליפשא בת רויזא רחל תחי'
זכות רבנו הבטחותיו וברכותיו
יעמוד להם להתברך בכט"ס הצלחה
בכל העניינים נחת מכל יוצ"ח מתוך
אושר ועושר בבריאות השלימה

הצלחה גדולה
יוסף בן לאה רחל
עמוס בן רבקה
שי בן יהודית
שיזכו להצלחה גדולה וברכה
בכל מעשי ידיהם עושר וכבוד במהרה
בלי שום עיכובים ומניעות

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים
התורמים
ומשפחותיהם
החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה
בני בריכי חיי אריכי ומזוני רויחי נחת
מכל יוצ"ח
זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

הצלחה בכל
יחזקאל שרגא בן
חיה שושנה רודיש
לברכה והצלחה בכל העניינים
ברוחניות וגשמיות

עושר וכבוד
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו
ויהיה ברכה ושפע רב בקרוב ממש
מתוך מנוחת הגוף והנפש
וימצא חן בעיני כולם

און כוונות, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ספר 'מעבר יבק' (מהרב המקובל החסיד רבי אהרן ברכיה ממודינא זי"ע תלמיד הרמ"ע מפאנו, מאמר ב' פרק כ' וכ"ז וכ' ובפרק י' מאמר ה').

**און** וויבאלד יוסף הצדיק איז געווען דער וואס האט אלץ געלערנט פון זיין טאטע, אזוי ווי עס שטייט אין רש"י (לז, ג ד"ה בן) אלעס וואס יעקב אבינו האט געלערנט האט ער איבערגעלערנט פאר יוסף, דעריבער איז נאר ער געווען דער פאסיגער מענטש צו באגראבן די טאטע, ווייל נאר ער האט געקענט אזוי גוט אינזין האבן די אלע סודות און כוונות בשעת די קבורה, וואס ער האט מקבל געווען און געלערנט פון יעקב אבינו. (אות ו' ד"ה אבל)

## מהנעשה והנשמע • לעילוי נשמתו ולהפצת תורתו

# תהא השעה ה'זאת' שעת רחמים ועת רצון

## ספעציעלע מעמדי תפילות אפגעראכטן לזכותם ולהצלחתם פון די חשוב'ע תומכי 'האיגוד העולמי להפצת תורה זרע שמשון' בעצם יום המסוגל זאת חנוכה

### ביים ראש ישיבה הגאון הגדול רבי משה צדקה שליט"א

**ליל** זאת חנוכה, נאכן צינדן די אכטע ליכטל אין שטוב פון דער גרויסער ראש ישיבה **הגאון הגדול רבי משה צדקה שליט"א**, האט מען געקענט שפירן אין די לופטן די ערנסטקייט פון די גרויסע נאכט, מען שטייט ביים חתימת הדין, ווי עס ווערט פאר'חתמ'ט ווערן די קומענדיגע יאר, און טויזנטער אידן ווארטן צו געבענטשט ווערן פון דער גרויסער גאון און צדיק, און זוכה זיין צו ישועות בכל הענינים אין די דערהויבענע נאכט שעות פון זאת חנוכה.

**דער** אייניקל פונעם ראש ישיבה, רבי יצחק עטייה שליט"א, וועלכע איז פון די חשוב'ע לומדים אין כולל זרע שמשון, האט איבערגעגעבן געגעבן פארן ראש ישיבה אלע נעמען פון די תומכים וואס העלפן ארויס די עבודת הקודש צו לערנען און פארשפרייטן תורת הזרע שמשון.

**דער** גרויסער ראש ישיבה איז אריבער אלע נעמען באזונדער, און אינזין געהאט אלע בקשות, און געוואונטשן מיט ווארעמע ברכות, אז דער גרויסער זכות פונעם הייליגן מחבר זי"ע, זאל ביישטיין פאר די אלע תומכים ומסייעים זיי זאלן געהאלפן ווערן מיט אלעס וואס זיי דארפן.

### אין אתרא קדישא מירון

**אזוי** אויך איז פארגעקומען א מעמד תפילה ובקשה דורך איינע פון די חשוב'ע רבני 'האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון', אין דעם גרויסע מסוגל'דיגע נאכט פון זאת חנוכה, במקום המסוגל אין אתרא קדישא מירון, ביי ציון פון **התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי**, ווי מען האט דערמאנט אלע נעמען באזונדער און ארויסגעזאגט



מרן ראש הישיבה הגר"מ צדקה שליט"א בהדלקת הנרות בליל זאת חנוכה



מרן ראש הישיבה הגר"מ צדקה שליט"א בתפילה על התומכים בשעת הדלקת הנרות




קבר הרשב"י במירון

אלע בקשות, מיט א תפילה אז מען זאל זוכה זיין אז אלע תפילות און בקשות זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, און מ'זאל בקרוב הערן גוטע בשורות פאר די אלע וואס ווארטן צו אויפגעראכטן ווערן.

### כולל זרע שמשון
### אין בית המדרש זרע שמשון

**ביים** קביעות'דיגן לימוד, אין **כולל זרע שמשון** וואס איז געגרינדעט געווארן דורך האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון, וואס איז פלאצירט אין בית המדרש זרע שמשון אין עיה"ק ירושלים תובב"א, איז אויך פארגעקומען א מעמד תפילה דורך די חשוב'ע לומדי הכולל, וואס זענען דערהויבענע יונגעלייט, מסלתה ומשמנה, וואס זיצן און לערנען על התורה ועבודה פון אינדערפרי ביז ביינאכט, ווי מען האט מתפלל געווען און אינזין געהאט פאר די אלע תומכי און משתתפים צו פארשפרייטן תורת הזרע שמשון זי"ע.

**נאכן** לערנען דער קביעות'דיגע לימוד זרע שמשון, האבן די יונגעלייט אויסגעזאגט גאנץ ספר תהילים לטובת ולהצלחת די אלע וואס העלפן און שטיצן, און פארענדיגט מיט א מי שברך פון אלע נעמען און בקשות.

זאל דער אויבערשטער העלפן, אז אלע תפילות און בקשות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, מען זאל זוכה זיין צו אלע גוטע השפעות און ישועות, בזכות דער הייליגער מחבר זי"ע, און אלע זאלן געהאלפן בכל משאלות לבם לטובה, און געבענטשט ווערן מיט די ברכות המחבר: **"ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם חכמים ונבונים ובתים מלאים כל טוב גם עושר גם כבוד", אמן כיה"ר.**


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
באַרה"ב: 347-496-5657

• אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון' •

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120